## שטומע לידער.

### 1. איך ווייס נישט

אַז אומעט אין מיר טוט אויפבליען
און נמאת ווערט דאָס זיין אַליין
גיי איך ווו מענטשן זיך רוען;
ווו ס'וואַקסן מצבות פון שטיין.
קריך איבער בערגלעך און גרוזן
לעז נעמען פאַר מיר אומבאַקאַנט,
טייל שלאָפן זיך איינזאַם, באַזונדער
אַנדערע גאָר זאַלבענאַנד.
דורך שמאָלענקע שטעגלעך טו שפּאַנען,
איך ווייס נישט אַליין וואָס איך טראַכט.
איך זע נאָר ווי טונקעלע שאָטנס
וועבן מיט כשוף די נאַכט.

### 2. צו וועמען?

אָ זאָג מיר, זאָג מיר צו וועמען,
צו וועמען געקומען צו גיין?
דאָ איז דאָך קיינער פאַראַנען,
בלויז בערגלעך, מצבות און שטיין.
דאָ ליגן דאָך מענטשן נאָר פרעמדע
פאַרדעקט מיט שטיינערנעם טויט,
דאָ האָבן געטער פון שווייגן
נעסטן פאַר זיך אויפגעבויט.
איז גאָרנישט פאַראַן צו געפינען
ביי פרעמדן פאַרשוויגענעם שטיין.
טו זאָג מיר, אָ זאָג מיר צו וועמען,
צו וועמען געקומען צו גיין?
-- מיר דוכט זיך איך ווייס נישט צו וועמען,
געקומען אַהער בין צו גיין...
אַך יאָ, דאָס בין איך געקומען
דאָך זוכן מיין אייגן געביין...

### 3. און פלוצלינג.

און פלוצלינג איך בויג איין די קני
צום וויסן שטיין פאַל צו,
מיר ווילט זיך וויינען אַ געוויין
פאַר דעם קאַלטן פרעמדן שטיין.

ליגן אויף דער ערד דעם קאָפּ,
טרערענען טרערן, טראָפּ נאָך טראָפּ
ליגן אַזוי אָן ציטער, אָן ריר,
נישט בעטן ביי קיינעם, נישט פאַר מיר
גאָרנישט פאַרלאַנגען, ניין,
וויינען בלויז פאַרן קבר-שטיין.

4. **שטום.**

אַ ווינט טוט אומרואיק זיך יאָגן
און וואַרפט אָן פיל שאָטנס פון נאַכט,
איך שטיי נעבן שטיינערעם קבר --
מיין אומעט אין מיר איז פאַרמאַכט.
און ווי טויטער אין ערדענעם גרובן
וועט קיינמאָל נישט אויפגראָבן ערד,
אַזוי וועט געפיל פון מיין טרויער
נישט ווערן דורך אויג אויסגעטרערט.
מיין טרער האָט פון אויג אויסגערונען
ווען אַ קינד איך בין נאָך געווען
שטיי איך מיט טרוקענע אויגן
געבויגן פאַרן ווייס-קאַלטן שטיין.
וויגן זיך צווייגן פון בוימער
אַ תּפילה, דער ווינט, אויף זיי ברומט
לעם שטיינערנעם קבר איך שטיי זיך
געבויגן, פאַרטריקנט, פאַרשטומט...

יאָסל.

---

(״אויסטראַלישע יידישע נייעס״ זייט 6. 6-טער דעצעמבער 1940.)